ארויסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

# אוצר השבת

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## תְּפִלַּת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

**פארוואס דארף מען וויינען ביים דאווענען**

ווייל דורכ'ן אויסוויינען זיך ביים דאווענען קען מען פועל'ן איבערגעשריבן צו ווערן צווישן די צדיקים, אפילו אויב מען איז שוין חלילה געווען פארשריבן צווישן די רשעים. **אלף המגן**

דער מטה אפרים ברענגט אז דער האריה"ק האט זיך געפירט שטארק צו וויינען ראש השנה און יום הכיפורים, און ווען עס קומט גארנישט אן צו וויינען אין די טעג, איז א סימן אז זיין נשמה איז נישט אין ארדענונג. אויך ברענגט דער מטה אפרים אז אויב איינער ווערט פלוצלונג אינמיטן דאווענען נתעורר שטארק צו וויינען איז דאס א סימן אז יעצט משפט מען אים אין הימל. **מטה אפרים**

**ד**אס וואס מיר מעגן נתעורר ווערן צו וויינען אים ראש השנה און יום הכיפורים, כאטש מען איז דערמיט מבטל דעם עונג שבת אדער דעם שמחת יום טוב. קען זיין אז דער טעם איז ווייל פונקט ווי די תורה האט מתיר געווען צו מאכן דעם אכטן טאג א ברית מילה אים שבת אדער אים יום טוב, איז דאך זיכער אז מען מעג ראש השנה מל זיין אונזערע פארשטאפטע הערצער ווי דער פסוק זאגט, וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם [דברים י' ט"ז], און כאטש מען טאר נישט מאכן קיין ברית מילה ווען עס איז נישט דער אכטער טאג אים שבת אדער אים יום טוב, דאס איז נאר ווייל מען קען מאכן דעם ברית מילה שפעטער אויך, אפילו נאך שבת אדער נאך יום טוב, וויבאלד עס איז דאך שוין סיי ווי פאראיבער זיין צייט. אבער ראש השנה און יום הכיפורים אויב מען זאל יעצט נישט וויינען אז ער וויל באמת תשובה טאן פאר השי"ת, ווען דען זאל ער דעמאלט וויינען. דערפאר איז די ריכטיגע צייט אים ר"ה און יום הכיפורים צו וויינען פאר השי"ת ווייל די צייט איז א עת רצון פאר די וואס טוען תשובה. **אור לישרים משם רב יואל מוכיח**

עס ווערט געברענגט אין ספר הקדוש עבודת ישראל אין נאמען פון הרה"ק רבי ר' בער ממעזריטש זי"ע, אז אום ראש השנה טאר מען נישט צולאזן צו זיך קיין טרויעריגע געדאנקען, און די עיקר כתיבה וחתימה טובה איז אין די מחשבה פונעם מענטש, אז ער איז פול מיט האפענונגען אז עס ווערט אים אפגעשריבן א גוט געבענטשט יאר, מען דארף זיך מתחזק זיין מיט בטחון אין השי"ת, אז מען וועט זוכה זיין צו א פרייליך לעכטיג יאר, און פארטרייבן אלע אוממוטיגע מחשבות.

**בעל תפילה**

פארוואס רופט מען דעם מענטש וואס דאווענט ביים עמוד מיט'ן נאמען "בעל תפלה". דאס ענין קען אפשר זיין ווייל דאס ענין איז גלייך צו דעם וואס פירט זיין אייגענעם הויז וואס מען רופט אים מיט'ן נאמען "בעל הבית", ווייל ער איז דער וואס קוקט זיך אים אויף דעם גאנצען הויז אז עס זאל גארנישט פעלן אין דעם הויז דערפאר איז ער דער בעל הבית ווייל דער גאנצער אחריות פונ'ם הויז ליגט נאר אויף אים. אזוי אויך דאס זעלבע איז דער בעל תפילה וויבאלד אויף איהם ליגט דער גאנצער פלוכט צו זעען אז זיינע תפילות זאלן זיין בשלימות, ער זאל דאווענען מיט ריינע כוונות און נאר לשמה וואס איז פאר השי"ת'ס כבוד, און דעמאלט וועלן זיינע תפילות דערהערט ווערן אין הימל דערפאר רופט מען אים "בעל תפילה". **ארן העדות לר"ה ד"ה טעם**

## אדון עולם

דער וואס איז מכוון די ריכטיגע כוונה ווען ער זאגט די תפלה פון "אדון עולם", האַפט איך אים, אז זיינע תפלות וועלן געהערט ווערן אין הימל, און דער שטן וועט נישט מקטרג זיין אויף זיינע תפלות.

**מטה משה בשם רבי יהודה החסיד**

דער מנהג איז אז דער שליח ציבור זינגט "אדון עולם", מיט א ספעציעלן צוגעפאסטן התעוררות'דיגן ניגון, ווייל אין ראש השנה איז דער מענטש באשאפן געווארן, און דערמיט האט זיך געפארטיגט בריאת העולם, וואס דורכדעם איז באוואוסט געווארן אז השי"ת איז דער "אדון עולם", דער הער פון אלע וועלטן, דערפאר זינגט מען אדון עולם. **אוהל שלמה בסהד"ה לראש השנה**

## פסוקי דזמרה

אידישע קינדער דאווענען אין די ימים נוראים טעג מיט א געוואלדיגער התעוררות, אבער די עיקר ווי דער עולם לייגט אריין כוחות איז ביי די נייע ראש השנה'דיגע תפילות אין מחזור, אבער די יערליכע תפילות ווי קרבנות, פסוקי דזמרה, קריאת שמע, און שמונה עשרה, כַאפט מען אָפּ שנעל אזוי ווי אין גאנצן יאר. דאס איז נישט ריכטיג, ווייל מען דארף נישט מאכן פונם עיקר א טפל, און דער עיקר זענען די יערליכע תפילות פון א גאנץ יאר, און ווען מען דאווענט איצט אין די טעג מיטן ריכטיגן אופן, איז מען דערמיט מעלה, און מ'דערהייבט אלע פסול'ע תפילות פון א גאנץ יאר, וואס מען האט געדאוונט אָנע כוונה.

**יושר דברי אמת**

הגה"ק בעל קדושת יום טוב זצ"ל האט דערציילט אז מרן הגה"ק מצאנז זי"ע, האט געדאווענט די הייליגע טעג פארן עמוד די תפלה פון פסוקי דזמרה, און דאס האט געדוירט אַן ערך פון פיר שעה, צוליב דעם וואס ער האט געדאווענט מיט גרויס דביקות, אויך האט דער קדושת יום טוב זי"ע דערציילט אז ביי הלל הַגָּדוֹל ווען דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געזאגט לְעֹשֵׂה הַשָּׁמַיִם בִּתְבוּנָה האט דאס גענומען בערך איין שעה.

**דברי יואל**

## הַמֶּלֶךְ

דערפאר שרייט מען הויך הַמֶּלֶךְ, כדי צו ווייזן פאר די גאנצע וועלט אז מיר זענען ממליך אויף זיך הקב"ה און מיר זענען פריש מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים. **אלף המגן סי' תקפ"ד סקט"ו**

שטייט אין ספר החיים, א טעם פארוואס מען שרייט הויך הַמֶּלֶךְ, דאס איז כדי די מקטריגים זאלן אנטלויפן, א משל צו א מענטש וואס א רויבער האט אים פארכאפט, און האט אים איינגעשפארט אין זיין הייל, און אים געצוואונגען צו ווערן זיין קנעכט, דער מענטש איז געווען א סוחר און האט געהאט א משפחה אינדערהיים, איז געווען זייער פארביטערט פון זיין מצב, צו זיין פאַרשקלאַפּט פאר א נידעריגן רויבער און ווייט פון די משפחה, אבער ער האט נישט קיין ברירה, לימים האט דער רויבער זיך מיישב געווען אז ער דארף זיך אריבערציען צו אן אנדערן וואלד, האט ער גענומען זיין קנעכט און זיינע געפעק און האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. כדי אנצוקומען אין יענעם וואלד, האט מען געדארפט אריבערגיין די הויפט שטאט פון דער מדינה ווי דער קעניג וואוינט, ווען דער רויבער מיטן קנעכט זענען אריבער אין א גאס אין די שטאט וואו פיל מענטשן זענען געווען פארזאמלט, האט זיך דער קנעכט פלוצלינג צושריגן, "קעניג, קעניג", העלף!.

דער רויבער האט זיך דערשראקן, און האט באלד געמאכט פליטה, ער האט אפגעלאזט דעם קנעכט, און האט זיך אריינגעמישט צווישן די פילע מענטשן און אזוי ארום איז ער אנטלאפן כל עוד נשמתו בו, ער האט געציטערט אז אט וועט דער געוועזענער קנעכט ווייזן אויף אים, איז ער אנטלאפן ווי די פיס האבן אים געטראגן און דער קנעכט איז פריי געווארן, און זיך געקענט אומקערן צו זיין משפחה.

דאס זעלבע איז ביי אידן, א גאנץ יאר זענען מיר איבערגעגעבן אין די האנט פון דעם יצר הרע, ער פארכאפט אונז מיט זיינע שפיצלעך, און מיר קענען זיך נישט באפרייען פון אים, עס קומט אבער ראש השנה און יום כפור, די צייט וואס א סאך אידן קומען זיך צוזאמען אין די שולען, נוצן מיר אויס די געלעגנהייט, און מיר שרייען הויך "הַמֶּלֶךְ", דער קעניג פון די וועלט זאל אונז העלפן, דער שטן דער רויבער דערשרעקט זיך פונעם געשריי און אנטלויפט צוזאמען מיט אלע זיינע העלפער, און אזוי ארום ווערן מיר פריי פון אים און מיר קענען דאווענען און זיך אויסבעטן א גוט געבענטשט יאר.

נאך א טעם, פארוואס מיר שרייען הויך "הַמֶּלֶךְ", ווייל מיר ווייסן אז דעם חילוק צווישן ברכה און קללה איז בעיקר דורך דער צירוף האותיות, למשל, ענג - נגע. צרה - רצה. מיר ווייסן אז דער גרויסער מקטרג אנטקעגן כלל ישראל איז געווען בלעם הרשע, וואס האט אויסגעזוכט די אלע פלעצער פון עבירות פונ'ם עבר און פונ'ם עתיד ביים כלל ישראל, אזוי ארום מעורר זיין דעם צאָרן פון הקב"ה. ווי די גמרא [ברכות ז] זאגט, אז ער האט נישט געקענט מעורר זיין קיין קטרוג, האט ער געזאגט, [במדבר כ"ג ח'] "וּמָה אֶזְעֹ=ם ל=א זָעַם ה'", ווייל עס איז געווען א חסד ה' אז השי"ת האט בכלל נישט געצאָרנט אין יענעם טאג, אפילו א רגע נישט, איז די קשיא, וואס וואלט ער געקענט זאגן אין די רגע פון השי"ת'ס צארן, זאגט תוס' ער וואלט געזאגט "כַּלֵּם", ח"ו, און דאס פרובירן אויך די מסטינים מעורר זיין אין דעם יום הדין, דערפאר איז אונזער עבודה איבערצו-דרייען דעם צירוף פון "כלם" אויף "מלך", און פאר דעם פראקלאמירן מיר אזוי ערנסט און הויך דעם גרויסן געשריי הַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא.

קען זיין אז דאס איז אויך די כוונה פון פסוק, "וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ", אידן האבן א כח אויסשרייען דעם "הַמֶּלֶךְ", אז שתמליכוני עליכם, מיט זייער מסירת נפש פון תפלה און תקיעת שופר, עס זאל זיין שיעלה זכרוניכם לפני לטובה. **ייטב לב פ' וילך**

## יוֹשֵׁב

נאך "הַמֶּלֶךְ", זאגט מען "יוֹשֵׁב" נישט "הַיּוֹשֵׁב" מיט דעם אות ה"א, ווי מען זאגט א גאנץ יאר. ווייל "הַיּוֹשֵׁב" מיט דעם אות ה"א איז דער טייטש וואס איז געוואוינט שטענדיג צו זיצן, כאטש אפשר יעצט זיצט ער נישט, דערפאר זאגט מען יעצט "יוֹשֵׁב", וואס מיינט ער זיצט יעצט. **לבוש סי' תקפ"ד ס"א**

## עַל כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא

עַל כִּסֵּא רָם וְנִשָּׂא, מיינט אויף דעם כִּסֵּא פון דין וואס איז פיל העכער פון דעם כִּסֵּא פון רחמים, ווי דער פסוק זאגט, "וַיִּגְבַּה ה' צְבָאוֹת בַּמִּשְׁפָּט". **נוהג כצאן יוסף**

## שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים

דערפאר זאגן מיר נאך יִשְׁתַּבַּח, "שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה'", ווייל דאס איז מסוגל מבטל צו זיין און אוועקצונעמען די גבורות, מקטרוגים און דינים, וועלכע ווילן מקטרג זיין אויף אידישע קינדער.
**שער הכוונות דף צ.**

## פארוואס דאווענט מען די שמונה עשרה איינגעבויגן

אין די טעג וואס מען ווערט ג'משפט אין הימל, דאווענט מען מיט מער מורא פאר השי"ת, דערפאר דאווענט מען אויך איינגעבויגן ווייל מען האט מורא זיך אינגאנצן אויסצוגלייכן צוליב מורא און פחד פון השי"ת און זיין משפט. **טור סי' תקפ"ב**

## הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ

פארוואס זאגט מען ראש השנה "הַמֶּלֶךְ הַקָּדוֹשׁ", ווייל דעמאלט איז די צייט וואס השי"ת טוט משפט'ן די וועלט און השי"ת משפט יעדן לויט זיינע מעשים, דעמאלט ווערט דערקענט פאר יעדן דאס מלכות פון השי"ת אז ער איז דער קעניג פון דער וועלט און השי"ת געוועלטיגט אויף אלעם וואס איז דא אויף דער וועלט, און דאס מלכות שמים ווערט דערהויבן און מפורסם אויף די גאנצע וועלט. **לבוש**

## וּכְתֹב לְחַיִּים טוֹבִים

וּכְתֹב לְחַיִּים טוֹבִים כָּל בְּנֵי בְרִיתֶךָ, דערפאר זאגט מען די זעקס ווערטער ווייל זיי זענען מרמז אויף די ששה סדרי משנה וואס זענען א סגולה אויף לאַנג צו לעבן.
**לבוש סי' תקפ"ב ס"ה**

דער טעם פארוואס ווען דער בעל תפלה הייבט אָן די היכע שמונה עשרה זאגט דער קהל נישט מיט "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים" און "מִי כָמוֹךָ", אבער "וּכְתֹב" און "בְּסֵפֶר חַיִּים" זאגט קהל יא מיט. קען זיין וויבאלד מיר האבן שוין געבעטן ביי די ענדע פון די שטילע שמונה עשרה "וּכְתֹב לְחַיִּים טוֹבִים", וואס איז פיל מער בקשה פון זָכְרֵנוּ ווי מען דערמאַנט נישט דאָרט לְחַיִּים "טוֹבִים", דערפאר זאגט קהל נישט הויך צוזאמען מיט דעם בעל תפלה "זָכְרֵנוּ", כדי נישט צו בעטן וויניגער פון פריער. אבער וּכְתֹב און "בְּסֵפֶר חַיִּים" זאגט מען יא צוזאמען מיט דעם בעל תפלה, ווייל דאס איז נישט וויניגער פון וואס מען האט געבעטן ביי די ענדע פון די שטילע שמונה עשרה. **טעמי ומנהגים**

## עֹשֶׂה הַשָּׁלוֹם

דערפאר לייגט מען צו ביי עשה שלום א ה"א און מען זאגט "עֹשֶׂה הַשָּׁלוֹם", ווייל מיט די אות ה"א באטרעפט דאס ווארט דריי הונדערט איין און אכציג, פונקט ווי דער נאמען פון דעם מלאך [ספריא"ל] וועלכער פארשרייבט אינעם ספר החיים די נעמען פון די וועלכע וואס בלייבן לעבן. **לבוש סי' תקפ"ב ס"ה**

## לְעֵלָּא וּלְעֵלָּא

דערפאר זאגט מען א טאפלט לשון "לְעֵלָּא וּלְעֵלָּא" ווייל אין די טעג ווערט השי"ת דאפעלט דערהויבן פון אלע באשעפענישן, ווייל השי"ת זיצט אויף דעם כסא דין, און אלע דארפן אים לויבן און בעטן רחמים ביים דין. **לבוש סי' תקפ"ב ס"ה**

## אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלָּתֵנוּ

ווי אזוי ווייסט מען אז מ'האט שוין געעפנט פאר איהם די שערי שמים. נאר ווען ער שפירט אז זיין האַרץ האט זיך געעפנט, ווי א קוואַל וואס שפארצט ארויס פון אונטן, דאס איז א באווייז אז אויך פון אויבן האט זיך געעפנט. **תורת אבות**

## פתיחת הארון

דאס ענין פון עפענען דעם ארון הקודש קען זיין איז, דאס זעלבע לויט ווי עס פירט זיך ביי קעניגן פון די וועלט, אז ווען מען וויל ביי זיי עפעס אויספועלן און מען וויל אז קיינער זאל נישט שטערן, רופט מען אריין דעם קעניג אין זיין אינעווענדיגסטע שטוב ווי קיינער דרייט זיך נישט דארט, און ווען מען איז ביי אים אינעווענדיג בעט מען פון אים וואס מען דארף, דאס זעלבע איז ביים מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, מיר בעטן אים ער זאל אריינגיין אין זיין שטוב ווי די מקטרוגים קומען נישט אָן, און דארט וועלן מיר בעטן וואס מיר דארפן פון השי"ת, כדי די מקטרוגים זאלן נישט מקטרג זיין אויף אונז. **תפארת עוזיאל ליוה"כ**

**כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה**